בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מתוך פרשת ראה תשפ"ב

יו"ל פר' ראה תשפ"ג



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

## "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

## "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (יג, ה) 'אחרי ה' אלקיכם תלכו וגו' ובו תדבקון', און מען מערקט שוין אן דאס וואס ס'שטייט אין חז"ל (ב"ר מד, ה) כל מקום שנאמר '**אחרי**' הוא מופלג [אזוי וויא רש"י שרייבט אנהייב פרשה אויפ'ן פסוק (יא, ל) 'אחרי דרך מבוא השמש'], און מיר בעטען און זיכען דאך א נאנשאפט און א דביקות צום אייבערשטען, אויב אזוי וואלט געדארפען שטיין '**אחר**' ה"א תלכו, און נישט '**אחרי**'.

**ס'איז** באוואוסט דער תירוץ וואס דער **אמרי אמת זי"ע** האט געזאגט, אז לויט וויפיהל מיר האלטען זיך נאך אלץ ווייט פונעם אייבערשטען, אין א בחינה פון 'אחרי' מופלג, אזוי נאך קען מען זוכה זיין צו 'ובו תדבקון' - זיך דערנענטערען און נתקרב און זיין שייך און נאנט צום אייבערשטען (ראה ליקוטי יהודה). און דאס איז די עבודה פון חודש אלול, אזוי וויא ס'שטייט פונעם **חידושי הרי"מ זי"ע** (עי' ליקוטי הרי"מ לחודש אלול ד"ה רמז) א רמז אויף חודש אלול אינעם פסוק (תהלים ק, ג) 'הוא עשנו **ולוא** אנחנו עמו וצאן מרעיתו', ס'דא אינעם פסוק א 'קרי' און א 'כתיב', ל"ו - ל"א, וויא ווייט דער מענטש ווייסט אז ער האט נישט קיין אייגענשאפט און ער האט גארנישט פון זעך - ער האט בכלל נישט קיין עצמיות און חשיבות, אין א בחינה פון '**לא** אנחנו', אזו נאך ווערט מקוים '**לו** אנחנו'.

**אינעם** ספר **קול יעקב** [להגה"ק רבי יעקב צבי יאליש זי"ע בעל מלא הרועים תלמיד הרה"ק הרבי מלובלין זי"ע] שרייבט ער א שיינע און א נוצליכע פשט, לויט די משל וואס ווערט געברענגט אין **ספה"ק** (עי' בעש"ט פר' נח עה"פ את האלקים התהלך נח) אז אזוי וויא א טאטע וואס לערנט אויס זיין קינד צו גיין די ערשטע טריט זיינע, טוהט זיך דער טאטע דערנעטערען צום קינד און ער שטייט לעבען איהם, און ווען ער זעהט אז די קינד הייבט אן גיין, גייט ער אויף צוריק כדי די קינד זאל איהם נאך גיין און זיך דערנענטערען צו איהם, און אזוי ווייטער צוביסליך דערווייטערט ער זיך פון איהם נאך

און נאך, דער קינד ווידער, לויט זיין קליינע פארנעם און קטנות השכל רעגט זיך אויף און ער איז בייז אויף זיין טאטע וואס דערווייטערט זיך פון איהם - ווייל ער וויל זיך דענענטערן צו איהם, און ווען ער דערווייטערט זיך פון איהם, קען ער פאלען, אבער אין אמת'ן אריין איז אלץ לטובתו - ווייל אזוי נאך לערנט זיך די קינד אויס וויא אזוי צו גיין נאך א טריט און נאך א טריט. אזוי איז אויך אין עבודת ה', אלע נסיונות און שוועריקייטען זענען געמאכט געווארען דערפאר, אז דורך זיי זאל זיך דער מענטש שטארקען און זיך מער דענענטערן צום אייבערשטען. און מיט דעם טייטשט ער די פסוק 'אחרי ה' אלקיכם תלכו', דאס וואס דער אייבערשטער דערווייטערט זיך, איז אזוי וויא דער טאטע וואס לערנט אויס זיין קינד צו גיין, אזוי אויך לערנט אונז אויס דער אייבערשטער וויא אזוי מוציא צו זיין מן הכח אל הפועל דעם אהבת ה' וואס ליגט באהאלטען אין אונזער הערצער, דער אייבערשטער פראבירט אונז אויס כדי צו זעהן וויא אזוי מיר דענעטערן זיך און גייען איהם נאך.

און זיין אויבען דערמאנטע פירוש איז זייער מדויק, ווייל די פסוקים רעדען וועגען נסיונות, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (יג, ב-ג) 'כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום ונתן אליך אות או מופת, ובא האות והמופת אשר דבר אליך' - דאס איז זייער א שווערע נסיון, ווען מ'זעהט אז די מופת ווערט מקוים [לרבי יוסי הגלילי, ראה להלן], און פונדעסטוועגען זענען אונז באפוילען געווארען איהם נישט צו גלייבען, נאר 'אחרי ה' אלקיכם תלכו', ווייל מיר דארפען געדענקען אז דאס אלעס וואס מיר זענען ווייט און דערווייטערט געווארען - כל הריחוק וההפלגה, איז דערפאר 'כי מנסה ה' אלקיכם אתכם' (יג, ד).

**און** אט קריגען זיך די תנאים (ספרי כאן וסנהדרין צ.) אינעם כוונה פונעם פסוק 'ובא האות והמופת'. רבי יוסי הגלילי זאגט אז דברים כפשטן, אז אויב דער נביא אדער דער חולם חלום זאגט צו דינען עבודה זרה און ער געבט דערויף א אות אדער א מופת - 'הגיע תורה לסוף דעתה של עבודת כוכבים [ובספרי הגירסא עובדי ע"ז] לפיכך נתנה תורה

ממשלה בה, שאפילו מעמיד לך חמה באמצע הרקיע, אל תשמע לו'. אבער רבי עקיבא זאגט 'חס ושלום שהקב"ה מעמיד חמה לעוברי רצונו', נאר דער פסוק רעדט אויף אזיין איינער וואס אין אנהייב איז ער געווען א נביא אמת, און בשעתו האט ער געמאכט א אות אדער א מופת בשליחות פונעם אייבערשטען, און לבסוף האט ער זיך אומגעקערט צו זיין א נביא שקר און ער זאגט זיי צו דינען עבודה זרה.

**און** מ'דארף צו פארשטיין, צו דען א 'אות' און א 'מופת' וואס איז אסאך קלענער פון אפ צו שטעלען די זון - האט א נביא שקר יא כח דאס צו טוהן?! אלעס איז דאך נאר פון די כח פונעם אייבערשטען - 'כי מנסה ה' אלקיכם אתכם', איז פארוואס וואונדערט זיך רבי עקיבא נאר אויף די ענין פון אפ צו שטעלען די זון, וואס פון דעם איז געדרינגען אז נאר דאס קענען די עוברי רצונו נישט טוהן. וי"ל אז ווען מען שטעלט אפ די זון רעש'ט די גאנצע וועלט, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ויחי מח, יט) 'וזרעו יהיה מלוא הגוים', און רש"י טייטשט פון חז"ל 'כל העולם יתמלא בצאת שמעו ושמו כשיעמיד חמה בגבעון', אז די צייטען טוישען זיך אין די גאנצע וועלט, און אזיין גרויסע כח געבט נישט דער אייבערשטער פאר די רשעים. נאך קען מען זאגען, אז ס'שטייט אין פסוק (נצבים ל, יט) 'העידותי בכם היום את השמים ואת הארץ', און רש"י טייטשט רש"י פון חז"ל הסתכלו בשמים שבראתי לשמש אתכם, שמא שינו את מדתם, שמא לא עלה גלגל חמה מן המזרח והאיר לכל העולם, ומה אלו לא שינו את מדתם אתם שאם זכיתם תקבלו שכר ואם חטאתם תקבלו פורענות על אחת כמה וכמה. און דעריבער האט רבי עקיבא געזאגט חס ושלום אז דער אייבערשטער זאל געבן א כח פאר די רשעים אפצושטעלן דער זון, ווייל מיט דעם נעמט ער אוועק דער עדות און אזהרה אויף די יודישע קינדער.

**אבער** רבי יוסי הגלילי קריגט זיך און ער טייטשט אז א נביא שקר האט יא כח אפ צו שטעלען די זון, ווייל 'הגיע תורה לסוף דעתה של עבודת כוכבים'. דארף מען דאס צו פארשטיין, די עבודת כוכבים האבען דאך בכלל נישט

קיין דעת, ווייל די פסוק זאגט עדות אויף זיי 'אשר לא יראון ולא ישמעון ולא יאכלון ולא יריחון' (ואתחנן ד, כח), און זעלבסט פארשטענדליך אז דעת - פארשטאנד האבען זיי זיכער נישט. און אויך לויט די גירסא 'הגיע תורה לסוף דעתם של עובדי ע"ז', דארף מען צו פארשטיין, דער אייבערשטער איז דאך דער וואס גיבט דעם כח מיט'ן דעת, איז וואס איז די באדייט פון 'הגיע תורה לסוף דעתם'.

**נאר** די כוונה פונעם פסוק איז אונז צו לערנען ביז וויא אהין איז דער גרעניץ - ביז וויא אהין קען מען אנציעהן די שטריק, און אויס פראבירען די יודישע קינדער מיט שווערע נסיונות, און פונדעסטוועגען דארפען זיי דאס ביישטיין. און דאס איז די פשט פון 'הגיע תורה לסוף דעתה' פונעם נסיון, אז אפילו אויב די נסיון וועט זיין אז דער נביא שקר וועט האבען אזיין גרויסען כח, עד כדי אז ער וועט אפ שטעלען די זון, פונדעסטוועגען דארפען די יודישע קינדער זיך אונטערגרטל'ן און וויסען 'כי מנסה ה' אלקיכם אתכם', און מ'איז באפוילען מקיים צו זיין 'אחרי ה' אלקיכם תלכו'. ווייל דער אייבערשטער שטעלט נישט צו פאר'ן מענטש א נסיון וואס ער קען דאס נישט ביישטיין, און דאס איז די פשט 'הגיע תורה לסוף דעתה של עבודת כוכבים' - ביז וויא אהין קען מען פארגרעסרען די נסיון וואס די יודישע קינדער קענען פונדעסטוועגען דאס ביישטיין.

**און** טאקע געוויס זענען מיר פטור געווארען פון דעם נסיון פון עבודה זרה, נאך וואס די אנשי כנסת הגדולה האבען מבטל געווען די יצרא דעבודה זרה, אבער עס שטייט דאך אז די כח פונעם 'יצרא דע"ז' איז אריין געגאנגען אינעם 'יצרא דעבירה' (עי' שהש"ר ז, יג. וראה המבואר בזה בפר' שקלים תשע"א - עבד"ד ח"א עמ' רלח-רלט). און געוויס לעתיד לבוא ווען דער אייבערשטער וועט מבטל זיין דעם יצר הרע, וועלען מיר בכלל נישט קענען פארשטיין וויא אזוי זענען מיר נאכגעשלעפט און נאכגעציגען געווארען נאכ'ן יצר התאוות - אזוי וויא מ'פארשטייט נישט היינט פארוואס דעמאלט זענען זיי נאכגעצויגען געווארען נאכ'ן יצרא

דע"ז, אבער ביז מיר וועלען זוכה זיין דערצו, איז די יצר הרע בתוקפו, און ס'איז פארהאן אסאך נסיונות. און אמאהל קלערט א מענטש איך קען נישט, דו קענסט יא! באמת קען ער יא, דו האסט די כוח איהם אנטקעגען צו שטיין.

**מוצש"ק** [א' אלול] הייבט מען אן צו זאגען מזמור 'לדוד ה' אורי וישעי', און דער **שפת אמת** (שופטים תרל"ד ועוד) טייטשט די פסוק (תהלים כז, ג) 'אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח', 'מלחמה' מיינט מלחמת היצר, און 'בזאת' הייסט מיט'ן עצם מלחמה, ד.ה. אז דורכ'ן מלחמה אליינט זעהט א מענטש אז ער האט אויף וועמען און אויף וואס זיך צו פארלאזען, ווייל דער וואס קען נישט עומד זיין ביי א מלחמה, שיקט מען איהם נישט ארויס צום מלחמה, און אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (שופטים כ, ח) 'הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו' - דער וואס קען נישט ביישטיין די מלחמה קערט זיך אום (סוטה מד.), און מיט דעם האט דער תורה אנטפלעקט אז ווילאנג מען שטעלט דער מענטש אריין אינעם מלחמה, איז געדרינגען דערפון אז ער איז א 'בעל מלחמה', און ער קען מלחמה האלטען און דאס ביישטיין. און אויב א מענטש זעהט אז דער אייבערשטער פריבט איהם אויס, 'בזאת' אני בוטח, אז מ'שטעלט דיך אין א נסיון, האסטו דער כח, דאס אליין איז א עדות און סימן אז דו האסט די כח מלחמה צו האלטען און צו זיגען די מלחמה.

**און** דער סוד וויא אזוי מען קען ביישטיין אלע נסיונות און זיך מתגבר זיין אויפ'ן יצר, האט דער תורה אונז אנטפלעקט אין די סיפא פון דעם פסוק אליינט, 'כי מנסה ה' אלקיכם אתכם לדעת **הֲיִשְׁכֶם אוהבים את ה'** אלקיכם בכל לבבכם ובכל נפשכם', און אט אין אסאך ערטער ווען ס'שטייט אין די תורה 'ישכם' או 'יֶשְׁךָ' אין א לשון פון א שאלה, ווערט צוגעלייגט די ווארט 'אם' [צום ביישפיל: '**אם** ישך נא מצליח דרכי' (חיי שרה כד, מב). '**אם** ישכם עושים חסד ואמת' (שם, מט). '**אם** ישך משלח את אחינו' (מקץ מג, ד)], אבער דא שטייט נישט **אם** ישכם, נאר 'הישכם' מיט א ה"י וואס איז א לשון פון תמיהה ושאלה - א וואונדערונג, וואס דאס

מאכט קלענער די שאלה. ווייל אין אמת'ן ארייין איז בכלל נישט דא קיין שאלה, ווייל **ישכם אוהבים את את ה'**, אין יעדער יודיש הארץ, אין א יודיש נפש ליגט אהבה פאר'ן אייבערשטען, נאר ס'איז פארדעקט און פארשטעלט, אבער דער אייבערשטער זאגט 'ישכם' - עטץ האט די כח פון אהבה צום אייבערשטען אין טיפעניש פון הארץ, און עטץ האט די מעגליכקייט ארויס צו נעמען און אנטפלעקען די אהבה, און דורכדעם בייצושטיין אלע שוועריקייטען און נסיונות וואס דער אייבערשטער פראבירט ענק אויס.

**און** איבער הויפט אין די טעג פון חודש אלול, וואס זיי זענען ימי רצון, און אויב אין הימעל ווערט ערוועקט אן אהבה צו די יודישע קינדער, איז געוויס 'כמים הפנים לפנים' - פון דעם כח ווערט ערוועקט אין די הארץ פון יעדער יוד אן אהבה צום אייבערשטען (ועי' רש"י דברים (א, כז) מ"ש מהספרי, ועי' תניא פמ"ו ופמ"ט וחובה"ל שער חשבה"נ חשבון יד), א ליבשאפט און א שייכות, און ס'איז דא א סיוע זיך צו ערוועקען ליעב צו האבען דעם אייבערשטען און זיך באהעפטען אין זיינע וועגען.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין איהם צו דינען, אוןביישטיין אלע נסיונות, און זיין אוהבי ה'.